A-222

נ. לאם

# דרשה לשבת שובה תשי"ז

1. דער תוכן פון די ימים נוראים ווערט באצייכנט פאר אונז אין איינע פון
די הייליגסטע תפילות..דריי מאהל אין די עשי"ת...ונתנה תוקף קדושת היום
כי הוא נורא ואיום...א טאג פון פחד און מורא, פון יראת שמים.
יר"ש שאפט דעם אינהאלט פאר די ימים נוראים.

2. געדענקט: אידן פלעגן זאגן:אפילו פיש אין וואסער ציטערן די טעג

3. דער פחד..ניט נאר ווייל דער איד באזארגט פארן פסק דין..אדם נידון בכל יום
נאר מורא פאר דעם מלך הקדוש מלך המשפט...דערציטערט ווייל איבערגעלעבט־ד
יר"ש יעדערביינדעל..נערוו..אבר רעאגירט צום רוף נביאס אם אדון אני
איה מוראי..אויב האר און בעה"ב, וואו די מורא פאר מיר

4. אט גראד דער באגריף פון יר"ש גאנץ פרעמד אידיש אמעריקא
ווי זאגט איד ווען באציאונגן אידישקייט:
חזן..אידישע ניגונים. דאס הארץ צוגעהט פאר זיסקייט...שטאלץ...רעספעקט
פאר..ביבליאטעק – תנ"ך פון אויבענאהן..טאלערירן..אפילו ליעב...
אבער אידן וואס האבן מורא – דאס איז ניטדא. דער באגריף עקזיסטירט
כמעט ניט. היינטיגער מענש: מדארף ניט מורא האבן, ניט ציטערן, אין הימעל
קיין גזלנים ניטא

5. אבער דער אמת – גאר פארקערט. דער איד וואס טעהנט מדארף ניט מורא
האבן איז געוואלדיג באהערשט פון מורא...ציטערט פארלירען,
וואס מיר טוהען אלס ניט בכדי זיך צו באורוהיגען פארזיכערן:
...ארפגעלאזענע פענימער ארומגעגאנגען וואל סטריט א ביסל
א שאקעל געטאהן.......ציטערט פאר געזונט...ווען מהערט נאך א פאהל פון
הארץ אטאקע אדער קענסער...יעהליכע אונטערזוכענג...א ביסל וועהטאג,
אומרעגולאריטעט – דערשרעקט: יענער מעשה......שרעק מלחמה......
געזעלשאפטליכע לעבן באזירט שרעק: מה יאמרו הבריות "פרוי" שכנים....
אידן וואס וועהניג מורא פאר ג־ט פלוצים געשאפן ספעציעלע אידישן
פחד:"אומלויאליטעט עליך שמשון"....רעפובליקאנער דעמאקראטן
פלאטפארמען:אידישער שטאט...אמער.קאונסיל דזשודאיזם..............

6. איז א וועלט. מורא פאר אלס און אלעמען נאר ניט פאר ג־ט.
7. און אפשר איז עס ניט קיין צופאהל. גמרא דערצעהלט:--פסחים כב:----
ר"שמיון העמסוני היה דורש כל אתין שבתורה כיון שהגיע לאת ד
אלקיך תירא פירש. --ניט מסכים ר"ע וואס:את לרבות ת"ח......

8. וועלט פרעגט: וואס געטאהן ואהבת את ד אלקיך... און אויב דא מרבה אז
אנדערע אויך ליעב האבען ווי ג־ט, פארוואס ניט מסכים ר"ע אז ת"ח

9. ענטפער:טיפקייט באגריף יר"ש. מדרש: מעשה בחסיד אחד..פארלוירן וועג
געבליבן וואלד מיטן נאכט..צוריקגעקומען געפרעגט:ווי געקאנט דורכלעבן
שרעק..דען ניט געציטערט געהערט דעם ברים פון לייב...ניט מורא
פאר טיגער און שלאנג?

חסיד: אמאל געזעהן...הינט און לייב.........גרויסער פחד פארטרייבט קליינעם
אזוי ביי מיר...מעשי ידיו של הקב"ה, פאר ג־ט אליין זיכער..........

10. דעריבער אין אהבה מעגליך ליעב ג־ט זעלבער צייט טאטע מאמע משפחה...
איין אהבה שטערט ניט די צווייטע...דערפאר ר"שמעון העמסוני ניט
אפגעזאגט צו דרשנען ואהבת את ד אלקיך...אבער צוריקגעצויגען ביי
את ד אלקיך תירא...געהאלטען:אויב מקיים געווען את..תירא קען מען
שוין פאר קיינעם ניט ציטערן..אויב מורא פאר אנדערן, פעהלט אין מיין יר"ש

11. דעריבער מו"ר אז מעוויל ניט מורא האבן יוניאן..בעה"ב..פרנסה..
קראנקהייט..איינציגע וועג איינצווארצלען אין זיך יר"ש.און ווייל די טעג
קומען איינצופלאנצן אין אונז יר"ש העסן זיי: ימים נוראים

12. און ווי אזוי קומט מען צו צו ירא"ש?...ועתה ישראל מה ה אלקיך שואל
מעמך כי אם ליראה את ד אלקיך.....ללכת בכל דרכיו ולאהבה אותו
ולעבוד את ד אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, לשמר את מצוות ד, ואת חקותיו
אשר אנכי מצוך היום לטוב לך.
ג-ט בעט איין זאך - ירא"ש. איי וואס גאנצער צעטעלן? - אלס איין זאך,
וויל די זיינען די וועגן צוצוקומען צו ירא"ש o אין איין ווארט: שטייגען

13. ר ישראל סאלאנטער...... יאהר-אלול אלאל-עשי"ת..........און יוה"כ
דארף מען שטייגען - מער לערנען מער מע"ט, מער ליעב האבען
אידן מער צדקה בעססער דאוונען לערנען...ארבעטן אויף זיך אליין.
און דער טהעמע פון שטייגען איז דריקט אויס אינהאלט פון עשי"ת,
און פיליכט אינהאלט פון גאנץ יהדות.

14. גערעכט איז ווילנער גאון: מענש שטייט ניט איין ארט..........
דאס טראגעדיע אונזער לעבן דא - וויל ניט ארויף, ממילא אראב.......
אזוי אין ביזנעס....אזוי אין גייסטליכע לעבן...

15. אט די גרויסע לעהרע לערנט אונז הפטרה ר"ה...חז"ל כאפען מער
התפעלות אלקנה ווי חנה... שליסעל....אלקנהס עליית רגל: ועלה האיש
מימים ימימה ......."האיש" שטייגען, וואקסען, אנטוויקלען.........
---נתעלה בביתו, נתעלה בעירו, נתעלה בכל ישראל........

16. דא שליסעל שווערער פראבלעם....תשובה טהעמע פון עשי"ת, זייער פערזענליכע
איבערלעבונגע יעדער איד מוז דאס אויפטוהען פאר זיך,....
דער זעלבער צייט ר"ה געווידמעט צו דער דין און וואוילזיין פון דער
גאנצער וועלט...מלוך על כל העולם כולו בכבודיך...ויעשו כולם אגודה אחת
...כלל און פרט שטויסען זיך אן....אינדיווידואלער תשובה פון איין זייט
און אוניווערזיטאליטעט פון יענע.

17. מענשן וועלן אייך זאגן: חסרון אידישן לעבען: יעדער עגאיסטיש טראכט ניט
פון יענעם...צופיהל צדיקים אין פעלץ דאגהן נאר פאר זיך, לאזען כלל המון
אמת איז פארקערט: ניט כלל-טוער פעלן אונז נאר פרט-טוער.

איך ווין איר מיר פארשטיין: כלל-טוער: מענש וואס ווייניג צו טוען מיט זיך
וויל האלט ער גוט געניג וויל ראטעווען כלל באזארגען רה"ר.
מיט רה"י האט ער ניט צו טאן, ער ליגט אין רה"ר

פרט-טוער שטענדיג פארנומען מיט זיך: ניט עגאיסט וואס איינטערעסירט אים
ניט וועלט. נאר: פילט צו פארבעסערן וועלט, דארף פריהער זיך...

18. דערצעלט: געפרעגט גאון ווילנא: פארוואס קיין כלל-ארבייט?
ענטפער: גרויס שיסעל און קליין גלעזעל.........................
אזוי דארף איד לעבען - אריינגיסען אין זיך תורה ירא"ש ביז זאל
איבערלויפען אין רה"ר אהנפילן גאנצער וועלט, וויל אז מע גיסט ניט
אין זיך האט מען ניט וואס צו געבען יענעם,

19. און אט דער פאקט ווערט אילוסטרירט אין הלכות שבת.
פאראן דין הוצאה מרשות לרשות...מעביר ברה"ר....עקירה והנחה
-ארויסרייסען און אריינשטעלען -אויב איינע פעלט הייסט ניט קיין
מלאכת שבת ...דוגמא: עקירה מערב שבת, מקום שאין בו דע"ד וכדומה

20. אין תוקעין שופר בר"ה שחל להיות בשבת מפני גזירה דרבה, שמא ילך אצל בקי ללמוד ויעבירנו ד"א ברה"ר.

צריך להבין: וכי איזה חכם נמצא ברה"ר?
שנית: ראשונים מקשים: אמאי לא גזרינן שמא יוציא מרה"י לרה"ר?

לכן המאירי: שמא יעבירנו מביתו לבית הבקי דרך רה"ר, וזה הוי מעביר
אולם: הלא בעינן עקירה והנחה?
ע"ז מחדש המאירי: במעביר די בזה שעוקר ברה"י זה ומניח ברה"י זה
וכן ס"ל תוספת עירובין ל"ג.
והרשב"א חולק עליהם.

הנה גם כתובות ל"א: היה מגרר ויוצא מגרר ויוצא פטור --קלב"מ--
ודאפקיה להיכא? אי רה"ר שבת איכא גניבה ליכא, אי רה"י איפכא.
בשטמ"ק הקשה: אמאי לא מוקי במגרר מרה"י לרה"י דרך רה"ר?.....
תירץ: אי עמד ברה"ר איסור שבת קדם, ואי לא עמד
אין איסור שבת כלל.
אבל למאירי קשה: הלא לדבריו איסור העברה אפשר בעקירה והנחה בשתי רה"י
וא"כ למה לא מתרץ הגמרא דהוי מעביר בכה"ג וממילא שבת וגניבה באחת?

אבל באמת במגרר ויוצא יש קושיא אחרת: הלא בשבת ד"ח רמא וזקפיה פטור
דאין כאן עקירה הגונה. ולמה חייב על שבת במגרר.
רמב"ן תירץ דרמא וזקפי מיירי כולו ברה"ר והידש דיש שני מיני עקירות:
עקירת הגבהה ועקירת רשות... בהוצאה מרשות לרשות א"צ להגביהו
טפח וכדומה דשינוי רשויות עצמה הוי עקירה. אבל במעביר דכוחו
נעשה ברשות אחת צריך עקירת הגבהה שמגביהה טפח. ממילא ברמא
וזקפי פטור דאיירי כוחו ברה"ר ואין כאן עקירה, משא"כ במגרר דיש
עקירת רשות.

א"כ: במוציא מרה"י לרה"י דרך רה"ר: אין כאן עקירת רשות כי סוף סוף
נשאר ברה"י. ולפי"ז אפילו להמאירי דעו"ה מועילות ברה"י מ"מ
צריך שיהיה עקירת הגבהה.

לפי"ז: מיושבת קושיתינו על המאירי --אמאי לא מתרץ גם כתובות דאפקיה
מרה"י לרה"י דרך רה"ר --- דהלא מיירי במגרר ומגרר א"א עקירת
הגבהה ועקירת רשות ממילא אין כאן וא"כ אין כאן עקירה כלל
וכלל ולכן אין איסור שבת. אבל במעביר -לא מגרר- שהיתה
עקירת הגבהה שפיר דמי.

21. מו"ר לערנען פאראן 2 וועגן ווי עס קען זיין חיובים מרה"י לרה"ר.

22. פאראן א וועג וואס עוקר פון רה"י איבערגעלאזן אין רה"ר - אויף דעם דארף מען ניט ריכטיגער עקירה הייסט ניט מעביר.
און פאראן א וועג וואס מע פאלט אן און ענדיקט ברה"י - דאס הייסט מעביר, און דער עקירה מוז זיין א ריכטיגייר.

23. דאס דער אונטערשייד כלל'ט און פרט'ט.
כ"ט נאר מוציא מרה"י לרה"ר גאנצער אויפטו וואס ברענגט זיך ארויס אין רה"ר טראכט גארניט וועגן דערהויבן זיך העברה, ניטא ביי אים דער "ועלה האיש" אדרבה ער בלייבט "מגדר ויוצא",
שלעפט זיך אין דער בלאטע, אבי ער קריכט אין רה"ר אליין איז ער א גארנישט, קיין ריח תורה, טריפות, שבת, אבי פארזארגן וועלט.
---ניט אומזיסט תוספות: הוצאה מלאכה גרועה היא....

פ"ט - דאכט זיך פאנגט אן רה"י ענדיגט רה"י - אלס פאר זיך: לערנט, מצוות... קלערט גארניט כלל-ארבייט....
אבער ער איז דאך מעביר דרך רה"ר - פיהרט מיט זיך מיט דעם רה"ר, ווירקט שטילערהייט אבער כסדר אויף רה"ר ווייל ער גיסט אריין אין זיך און פליסט איבער צום רה"ר.
דאס הייסט נתעלה בביתו - אנגעפאנגען מיט זיך ביתו -
אבער ממילא האט זיך איבערגעגאסן בחצירו עירו, כלל ישראל...
דערהויבען דעם כלל ווייל געארבייט אויף זיך

24. ווי ווירקט דער פ"ט אויף דער סביבה? - כ"ט זוכט דאס טוהען מיט רייד, פ"ט איינפלוסען מיט ביישפיל...
אלקנה נעמט מיט ווייב, קינדער, קרובים עולה רגל זיין

באוואוסטער פאקט: כ"ט וואס ניט פ"ט פארנאכלעסיגן משפחה צופיל אריינגעטוהען אין רה"ר איז רה"י פוסט, לעדיג, פארנאכלעסיגט

אלקנה אבער אנדערש - זיינע קינדער נעמט ער מיט אויף עליית רגל, אנדערש נישט זיך דערהויבען צום יו"ט שטימונג.

און טאקע דערפאר ווייל דער אלקנה ארבייט אזוי שווער אויף זיין רה"י, קומט דורך אים א ברכה צום רה"ר: היה לן ברחובה של עיר והיתה כל המדינה מרגישה...... דאכט זיך אלס פאר זיך און דערווייל איז זיין איינפלוס איבערגעלאפען לרחובה של עיר!

דער שטילסטער מאמענט אין לעבען - ווען שלאפט, דאן רעט ניט, קיין טומעל קיין ווירקונג אויף אנדערע

אלקנה אבער באוויזען דער וואונדער: זיין איינפלוס ניט נאר ווען מאכט טומעל און געוואלד, ווען אלארמירט אין דער גאס ---- נאר אלקנה שלאפט שטילערהייט 'לן' - אן אלקנה דארף נישט טומלען, נאר אפילו שלאפט ברחובה של'עיר' - וכל המדינה מרגישה, ווערט דער גאנצער וועלט באאיינפלוסט.

25. חסרון מיט אונז - זיינען נעכטיגע אידן - פארוואס איז עבירה שטארק נזהר און אנדערע ניט אין מצוה.... ווייל וואס מיר האבען נעטן געטאהן טוהען מיר ווייטער -- אלס נעכטיגע....

דאס הייסט ניט שטייגען דאס הייסט ניט יר"ש דאס הייסט ניט אויפגעבויט א רה"י. ווי אלקנה פון אמאל מוזען מיר באטראכטען יעדען טאג פון סני... יעדן יאהר ... ניט באנוגענען זיך מיט פאריאהריגע אויפטוהענגען... נאר ועלה האיש, כסדר העכער שטייגען אין גייסטיגער געשטאלט.
זאל ג-ט אונז געבן כח און וועלן צו שטייגען וואס העכער, מחיל אל חיל, ובא לציון גואל ....